

# בארצות החיים

גליון
גליון ב'

**אמונה, השקפה, נייעס, באריכטן, מעשיות,**
איבער די פילע פארצווייגטע פעולות צו
ראטעווען די קדושים אשר בארץ המה.

## השקפה - אמונה ובטחון:

# שלא עשני גוי...

איינס פון די מערסט יסודות'דיגע טעמעס וואו מיר געפינען אזוי בולט דעם טיפן חילוק צווישן דעם הייליגן "אידישן בליק" און להבדיל דער פוסטער "גוי'אישער בליק", איז געוויס ווען עס קומט די צייט, דער עת מועד לכל חי, ווען מען געזעגנט זיך פון דער וועלט.

דער קלאסישער גוי געזעגנט זיך פון זיין נאנטן וועלכער איז געשטארבן, פונקט ווי ער געזעגנט זיך פון א טעכנאלאגישע מאשין אדער א זיסער הינטל וועלכע זענען געשטארבן... ער וויינט דערויף ביטער, ער איז אפילו מספיד מיט טרערן ווי שטארק ער האט געגליכן דאס הינטעלע... ווי וויכטיג עס איז אים געווען די מאשין אין אלע שווערע צייטן... ער קען זאגאר שטעלן א מציבה אויף דעם קבר פון דעם נאנטן, און צומאל בויען א סטאַטוע פאר זיין אנדענק, אבער ער ווייסט גוט אז פאקטיש האט ער זיך אצינד אפגעזעגנט מיט דעם טויטן אויף אייביג. דאס איז וואס איז געווען וועט מער נישט זיין.

ווי טיף און ווי אנדערש איז דער בליק פון דעם איד אויף א נפטר. אויך ווען עס האנדלט זיך פון די נאנטע קרובים וידידים וועלכע ווערן אוועקגעריסן ל"ע און דער צער איז אויסטערליש גרויס, ווייסט מען אבער זייער גוט אז בסך הכל איז דער נפטר אריבער אצינד א דירה, פון דעם "עולם השפל", צו דעם "עולם שכולו טוב".

נאכמער. אידישע קינדער, מאמינים בני מאמינים, גלייבן און ווייסן אז נישט בלויז וואס די נשמה פון דעם נפטר געפינט זיך אויף א בעסערן ארט, נאר אויך זיין גוף, זיינע ביינער, האבן נאך אַ לעכטיגן עתיד. אויך נאך הונדערטער, און אפילו טויזנטער יארן, בלייבט נאך איבער א ממשות אין דעם גוף פון א איד, וואס וועט בעז"ה אויפשטיין צו תחיית המתים בעת שיעלה רצון מאת הבורא ית"ש. (ווי עס שרייבט דער הייליגער אריז"ל אין עץ חיים (שער רפ"ח ניצוצין פ"א): "אחר שמת ויצאה נפשו ממנו, נשאר חלק מנפשו בתוך הגוף, כדי שעל ידי זה יוכל לקום בתחיית המתים").

ווען א איד קומט אָן צום בית החיים, זעהט ער נישט בלויזע מציבות, טרוקענע שטיינער אָן קיין לעבן. דער איד זעהט דארט די "נפש, רוח, נשמה" פון דעם נפטר, וואס שוועבט נאך אויף זיין מקום מנוחה. און דעריבער זאגן מיר קאפיטלעך תהלים, מען צינדט לעכט, וכדו'. דאס זענען נישט קיין פארמאלע "געדענקעניש צערעמאניעס", נאר א נצחיות'דיגע טובה פאר די נשמה פון דעם נפטר בגנזי מרומים, און א עילוי פאר די עצמות פון דעם איד וועלכעווארטן אויף דעם טאג פון תחיית המתים.

• • •

אט דער חילוק צווישן דעם בליק פונעם איד און דער בליק פון, להבדיל, דער גוי, קומט אמבעסטן צום אויסדרוק ווען עס איז די רעדע פון אַן אלטן בית הקברות - וואס אין לויף פון די לאנגע יארן איז שוין פארגעסן געווארן ווער עס זענען די דארטיגע נפטרים און ווער זענען זייערע קינדער.

די גוים האבן געוויס נישט קיין פראבלעם צו "ערלעדיגן" דעם "ריעל עסטעיט פראבלעם", איבערהויפט אויב עס איז שוין נישט פארבליבן קיין מציבות דארט. זיי וועלן נישט קלערן צופיל איידער מען פארוואנדלט א בית הקברות אויף א שיינע קאמפלעקס פון בנינים וואו עס זאלן וואוינען די וועלכע לעבן נאך... אדער מען שטעלט אהער דארט א ברייטע סטאדיום וואס זאל צושטעלן געשמאקע ספארטס פאר די

המשך אויף זייט 4 <<<

## ווארט פון רעדאקציע:

צוויי וואכן זענען פאראיבער זינט עס איז בעז"ה ערשינען דער ערשטער רייכער גליון "בארצות החיים", וואס האט ב"ה באלד געהאט אַן אומגעהויערן אפקלאנג אומעטום, ווי מען הערטווירקליך צוריק פון אלע זייטן וויאזוי אידן באגריסן מיט קורת רוח די ערשיינונג פון אזא גליון מיוחד במינה, וואס זאל דינען ווי דער שופר צו ערוועקן אידן איבער דאס הארבקייט פון וויכטיגקייט פון כבוד המתים.

ווירקליך האבן עס מערערע אידן אנגעצייגט אז דא איז נישט די רעדע פון "נאך א גליון", ווייל דאס איז אייגנטליך אַן אייגנארטיגע און חידוש'דיגע בלעטל. א גליון וואס איז ספעציפיש באזירט אלס די נאבעלע פלאטפארמע זיך צו עראינערן מיט די וויכטיגע גריסן און אינפארמאטיווע ידיעות פון די שטאט אומאן און אירע הייליגע שוכני עפר, ווי דער נאמען פון דעם גליון כאראקטיזירט עס אמבעסטן: "בארצות החיים".

ווייל דאס ווייסט יעדער איד, וועלכער האט נאר אנגערירט היסטאריע, אז "אומאן איז אנדערש".

פילע שטעטלעך און דערפלעך דורכאויס אוקריינא, רוסלאנד, פוילן און אונגארן, זענען באקאנט געווארן איבער דער חסידיי'שער וועלט, מיט די הייליגע קברים און ציונים וועלכע געפינען זיך דארט. אידן פארן כסדר אהין זיך אויסבעטן, און אידן פועל'ן דארט כסדר ישועות.

גלייכצייטיג איז פארשטענדליך ביז גאר אז די ד' אמות, וואו די צדיקים זענען באהאלטן, זענען ווירקליך נתקדש געווארן מיט זייער קדושה און זענען מסוגל פאר ברכות ורפואות וישועות, אבער די שטאט ארום דעם, די שטחים און די גאסן ארום די אהלים פון די צדיקים, זענען נישט אנדערש ווי אלע אנדערע גאסן און שטחים פון גוי'אישע שטעט איבער די וועלט.

אנדערש איז אבער דער שטאט אומאן, וואס בלויז דער נאמען פון דער שטאט ערוועקט אינערליכע סטרונעס, וואס אירע גאסן און איר ערד איז דורכגעווייקט מיט דעם קדושה עילאה פון דעם פארכטיגן קידוש ה' דורך די 30 טויזנט הייליגע אידן, וועלכע האבן אויף דעם שטח אויסגעשטרעקט זייער האלז צו דער שחיטה, און זענען דא געקומען לקבורה נאכדעם וואס זיי האבן זיך מוסר נפש געווען פאר'ן כבוד פון השי"ת.

נישט אומזינסט האט הרה"ק רבי נחמן

המשך אויף זייט 6 <<<

# לזכר עולם יהי' צדיק



### צו די שבעה לפטירתו פון הגאון החסיד

# רבי אברהם יצחק כרמל זצ"ל

### מגדולי מעתיקי השמועה מתורת ברסלב ובעמח"ס מקור חכמה ושא"ס

דעם פארגאנגענעם חודש שבעה עשר בתמוז האט דער עולם התורה והחסידות בכלל און חסידי ברסלב בפרט, געכאפט א ווייטאגליכן קלאפ מיט די פטירה לחה"ע פון דעם אחד המיוחד מגדולי משפיעי', רב האי גאון וחסיד ופאר עדת ברסלב אשר הנחיל תורתה ומשנתה לדורות, מעתיק השמועה מדור דעה, הגאון החסיד המרומם רבי אברהם יצחק כרמל זצ"ל, וואס איז נסתלק געווארן אויף א פלוצים'דיגן אופן, למגינת לב כל בית ישראל.

די אבידה שאין לה תמורה פון הגה"ח רבי אברהם יצחק כרמל זצ"ל איז א שמערצליכע פארלוסט פאר די גאנצע עדה הק' פון חסידי ברסלב בארץ ובגולה, וואס האבן אסאך נהנה געווען מאורו הבהיר, זייענדיג דער גרויסער גאון בתורה וחסיד בכל מעשיו, מיט א העכערקייט און ערליכקייט וואס האט פארשיינט זיין סביבה און פאר זיינע תלמידים מגדולת תורתו וצדקתו, און גלייכצייטיג זייענדיג דער גרויסער דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים, וואס האט ווייטער מנחיל געווען לדורות די ריינע מסורה און קבלה וואס ער האט מקבל געווען פון די זקני ברסלב מדור העבר, ובמיוחד פון זיין גרויסן זיידן, הגאון החסיד רבי לוי יצחק בענדער זצ"ל און יבלחט"א וועלכע האבן אלע סומך געווען ידיהם עליו.

הגה"ח רבי אברהם יצחק זצ"ל איז געווען לאנגע יארן דער בעל תפלה קבוע ביים גרויסן קיבוץ ראש השנה אין אומאן, וואו טויזנטער אידן זענען נתעורר געווארן פון זיינע הארציגע תפלות וואס איז געווען דורכגעווייקט מיט נהרי נחלי דמעות בהתעוררות עצום. גלייכצייטיג האט רבי אברהם יצחק זצ"ל באר'ייכערט דעם עולם התורה מיט זיינע וואונדערליכע חיבורים, די ספרים "מקור חכמה", א פירוש נפלא בעיון ובבקיאות אויפ'ן ספה"ק ליקוטי מהר"ן, און דער ספר "אשפוך לפניו שיחי", וואס זענען פארוואנדלט געווארן אלס נכסי צאן ברזל פאר ברסלב'ער חסידים איבער דער גאנצער וועלט.

## למען קדושים אשר בארץ המה

איבערהויפט איז עס געווען הגה"ח רבי אברהם יצחק זצ"ל וועלכער האט זיך ארויסגעשטעלט ווי דער גרויסער מוכיח בשער, גודר גדר ועומד בפרץ, און זיך מוסר נפש געווען ללחום מלחמת ה' ווען פורצי גדר, מיט א פרומע טראגע, האבן זיך ליידער פארמאסטן במצח נחושה צו אויסרייסן דעם הייליגן בית החיים אין דער שטאט אומאן; אוקריינא, וחרב הוציא מתערה צו לוחם זיין פאר'ן כבוד פון די עצמות קדושות מיט א הייליג פייער, וואס האט אויפגעטרייסלט שלומי אמוני ישראל אומעטום.

נישט קוקענדיג אויף זיין כבוד און נישט קוקנדיג אויף זייטיגע חשבונות האט רבי אברהם יצחק זצ"ל מפקיר געווען זיין גאנצע וועזן און געקעמפט ווי א לייב למען קדושים אשר בארץ המה ולמען כבוד ה' ותורתו, נישט קענענדיג צוקוקן וויאזוי מענטשן מזרע ישראל זענען גרייט צו דורכפירן אזעלכע מעשי הירוס אויף דעם הייליגן בית החיים, מקום מנוחתם פון די קדושי אומאן הי"ד.

## דער באזוך אויפ'ן שטח הבית החיים המחולל אין אומאן

באלד אין אנהויב פון די שערורי', ווען מען האט אנגעהויבן הערן די שמועות מבהילות אז אידן מיט א פרומע טראגע זענען ליידער מחלל קברי קדמונים אין דעם אור - אלטן בית החיים אין דער שטאט אומאן, און די פארשוינען מיט געלט אינטערעסן האבן פרובירט אנצוזייען א טשטוש און א בלבול, איז הגה"ח רבי אברהם יצחק זצ"ל פערזענליך אראפגעפארן קיין אומאן, אלס א טייל פון א געקליבענע דעלעגאציע בשליחות פון גדולי וזקני חסידי ברסלב שליט"א.

אין די ראמען פון דעם דעלעגאציע זענען דעמאלט אויך אראפגעפארן קיין אומאן הרה"ח רבי אפרים נחמן אנשין שליט"א, הרה"ח רבי שאול סירוטה שליט"א, און הרה"ח החוקר רבי שמואל מאיר חשין שליט"א, לאנגיעריגער מומחה אין דעם געביט פון קברי אבות, וועלכע זענען אינאיינעם אנגעקומען אויפ'ן שטח פון דעם בית החיים, צו באטראכטן די לאגע פון דער נאנט און איבערגעבן פאר דער וועלט די שרעקליכע סצענעס וואס קומען פאר אין חצר פון דעם הייליגן ציון אין אומאן.

צום גרויסן ווייטאג האט די דעלעגאציע פון חשובי אנ"ש טאקע אנטפלעקט דארט אויפ'ן שטח די שרעקליכע בילדער וואס האט אויפגעטרייסלט אלע הערצער. ווי הגה"ח רבי אברהם יצחק ז"ל האט שפעטער דערציילט מערערע מאל בפרטיות די מראות מבהילות וואס ער האט דארט געזען מיט די אייגענע אויגן און האט כסדר איבערגעגעבן אויף א קלארן פארנעם די פונקטליכע אויסזען פון דעם בית החיים אין אומאן, לויט ווי ער האט מקבל געווען פון הרה"ח רבי לוי יצחק בענדער זצ"ל דעם סדר הקבורה וואס איז געווען מקובל אין אומאן מדור דור.

## די ווייטאגליכע "עדות נאמנה" בשער בת רבים

באלד נאך יענע נסיעה קיין אומאן איז הגה"ח רבי אברהם יצחק זצ"ל ערשינען פארנט פונעם בית דין העדה החרדית אין ירושלים עיה"ק, וואו ער, און די אנדערע באטייליגטע אין דער דעלעגאציע, האבן איבערגעגעבן זייערע קלארע עדות וואס עיניהם ראו ולא זר, וויאזוי מען רייסט אויס בשאט נפש א אידישן בית החיים מיט הונדערטער עצמות קדושות כדומן על פני השדה, אזוי אויך האט ער זיך פיל מאל אויסגעדריקט, אז ער קען נישט פארגעסן די שרעקליכע מחזות וואס ער האט געזעהן זיך געפונענדיג דארטן



דאס זעלבע האט הגה"ח רבי אברהם יצחק זצ"ל משמיע געווען דעם דבר ה' אין פילע געלעגנהייטן ארויס ברענגענדיג זיין גרויסן ווייטאג, וואזוי עס קען פארקומען אזא שרעקליכע מעשה לעיני כל ישראל, אזוי אויך בפרט האט ארויסגעשטאט זיין קלארע דרשה ווי ער האט משמיע געווען זיין עדות נאמנה ובלשונו הצח האט ער משמיע געווען בפרטיות אלעס וואס ער האט געלאזט הערן אין ביד"ץ העדה החרדית דערציילענדיג גענוי אלע שרעקליכע מראות

המשך אויפן קומענדיגע זייט <<<

אין די האר -אויפשטעלנדע מציאות וואס ער האט אליינס געזען, זייענדיג אין אומאן מיט די חשוב'ע דעלעגאציע, סיי ביי דעם "מעמד עצרת" אין בית המדרש ברסלב מאה שערים, און נאכמער אין קלארער ווען ער האט אויפגעטרעטן דורך א "הוק -אפ" קיין אמעריקע, ביים גרויסן מעמד עצרת מחאה אין דער שטאט וויליאמסבורג פאראיאר ווינטער תשע"ט לפ"ק.

אן אינטערסאנטע אנעקדאט פארציילן די עסקנים שליט"א, אז איידער די עצרת, ווען זיי האבן געבעטן פון רבי אברהם יצחק ז"ל זאל איבערגעבן זיין עדות האט ער זיך אויסגעדרוקט מיט א געוואלדיגן צער: "וואס וועל איך אויפטון אז איך וועל רעדן ? איך בלוטיג שוין עטליכע יאר דערויף, איך בין מלא צער, וויפיל מאל מען טאפט א וואנט און מענטשן ווילן ליידער נישט גלייבן".

למעשה, האט רבי אברהם יצחק זצ"ל טאקע יא אויפגעטרעטן מיט זיין לענגערע און דעטאלירטע דרשה, וואס האט בשעתו אויפגעטרייסלט דאס יהדות החרדית אויף אן אויסטערלישן פארנעם.

מיט זיין לשון לימודים האט ער דאן געשילדערט אויף א דעטאלירטן אופן אלעס וואס ער האט געזען מיט די אויגן, דערביי האט ער פארגאסן דמעות שליש אויף דעם חורבן הנורא פון דעם הייליגן בית החיים און אויף דעם צער פון די הייליגע נפטרים פון הונדערטער יאר צוריק, וואו ער האט זיך איבערצייגט בשעת ער איז געווען דארט, וויאזוי אידן מתוך המחנה האבן זיך דערקייקלט צו פוגע זיין אין די עקרי האמונה בעד בצע כסף.

די פייערדיגע און הארציגע עדות נאמנה פון דעם גאון וחסיד, איש נאמן, ת"ח ותמים במעשיו, האבן טאקע געהאט אן אומגעהויערע אפקלאנג אומעטום, ווען אידן האבן זיך אויפגעוואכט צו דעם שרעקליכן חילול הקודש והמוקדש און עס איז דערהערט געווארן דער ביטערער זעקת החיים והמתים קעגן די מהרסי הבית החיים מיט'ן כח פון געלט און ליצנות. והוקע אותם נגד השמש.

• • •

די פטירה פון הגאון החסיד רבי אברהם יצחק זצ"ל איז ווירקליך אן אבידה שאין לה תמורה אין יעדן הינזיכט. איבערהויפט איז אוועקגעריסן געווארן דער איש האמת וואס אזר כגבור חלציו מיט א שטארקייט און א ווארימקייט, נישט קוקנדיג אויף קיין אייגענע אינטערעסן און כבוד, צוליב זיין געוואלדיגע הרגשה אויף דעם כבוד הצדיקים און דעם כבוד שמים המחולל.

ס'איז זיכער אז ער וועט משמי מעל ווייטער זיין א מליץ יושר פאר אלע זיינע תלמידים און פאר'ן גאנצן כלל ישראל בדבר ישועה ורחמים, עדי נזכה לנבואת יקוצו וירננו שוכני עפר.

**זכר צדיק לברכה!**

## נייעס אין ברסלב:

על בשורות טובות אומר ברוך הטוב והמטיב

# אוקריינער רעגירונג באשטעטיגט; גרויסער קיבוץ אין אומאן, וועט בעז"ה פולקאם ערלויבט ווערן דעם קומענדיגן ראש השנה תשפ"א הבעל"ט

**רעגירונג ארבעט אצינד אויס ענדגילטיגע פלענער וויאזוי צו ערמעגליכן דעם קיבוץ מיט נויטיגע זיכערהייט מאסנאמען**

שוין עטליכע וואכן וואס אויף די ברייטע גאס הערט מען אלע ערליי פארנעפלטע שמועות און קלאנגען איבער דעם בעפארשטייענדן ראש השנה אין דער שטאט אומאן, ווי רבבות ישראל ווילן יעדעס יאר אין די ימי ראש השנה כפי ציווי הרה"ק מהר"ן מברסלב זי"ע, און אצינד שטייט דאס אין געפאר צוליב די פארשפרייטע וועלטס - ווירוס ל«ע, וועלכע ברענגט ארויף זארגן ביי די ארטיגע באאמטע.

מאנכע ווייסן צו פארציילן אז דער מעיאר פון דער שטאט אומאן וויל מיט אלע קרעפטן דאס אפהאלטן, און אנדערע קלאנגען האבן שוין אנגעגעבן אז די אוקריינישע רעגירונג האט פאקטיש באשטימט נישט צו ערלויבן דעם קיבוץ אין אומאן דאס יאר.

אבער ווי עס גיבן איבער די אקטיווע עסקנים, וועלכע זענען עוסק אין דעם געביט, קען מען אצינד שוין מעלדן ב"ה העכסט פאזיטיווע נייעס אין צוזאמענהאנג מיט דעם קומענדיגן ראש השנה אין אומאן, אז לויט אלע ווארשיינליכקייטן וועט די אוקריינא רעגירונג פולקאם ערלויבן צו פארזעצן מיט דעם קיבוץ פאר אידן פון אומעטום, צו קענען ווילן אין אומאן אויף די טעג ארום ראש השנה.

### די פולזייטיגע שתדלנות דורך געטרייע שלוחי דרחמנא

שוין לאנגע וואכן און חדשים וואס די פירנדע עסקנים פון די "איחוד ברסלב" פאראיין, וועלכע באפאסן זיך מיט׳ן ציון הק׳ און פארמאגן גוטע באציאונגען מיט מערערע רעגירונג אגענטורן אין אוקריינא, ארבעטן איבערמידליך אינאיינעם מיט דעם "איגוד הפועל" וואָס איז ספעציעל אויפגעשטעלט געווארן, בשליחות פון די זקני ומשפיעי חסידי ברסלב, צו שטיין שפיץ פון די באמיאונגען כדי צו אויסהאמערן דעם וועג קיין ראש השנה אין אומאן על מי מנוחות.

ווי די עסקנים צייגן אָן איז מערקווערדיג אז דער גרעסטער שטער קומט גאר פון די ציוני׳סטישע רעגירונג, וועלכע פרובירן מיט אלע זייערע קרעפטן צו שטערן די נסיעה פון רבבות ישראל קיין אומאן, און לייגן אונטער אלע סארט פיסלעך צו אפהאלטן און בלאָקירן דעם וועג. ווידעראום דוקא פון די אוקריינער רעגירונג איז דא א שטארקע אינטערעסע און אַן אָפענע ווילן צו ערמעגליכן דעם ׳קיבוץ׳ אויף א פארזיכערטן פארנעם.

שוין מיט עטליכע וואכן צוריק האבן עטליכע באגאבטע שתדלני הציבור אין ניו יארק, זיך געטראפן מיט מאכטפולע אמעריקאנער רעגירונג באאמטע, בשליחות פון "איחוד ברסלב", צו קאמיוניקירן און אויסארבעטן א דיפלאמטישן מהלך וואס זאל פארזיכערן אז די רעגירונג פון אוקריינא זאל זיין גרייט צו מיטארבעטן מיט די עסקנים צו ערמעגליכן דעם קיבוץ אום ראש השנה בעז«ה.

זאל טאקע ביי דער געלעגנהייט דערמאנט ווערן לשבח ולברכה, נזר השתדלנים לכל קדשי ישראל, הרה"ח המפורסם מו"ה ר' משה דוד ניעדערמאן שליט"א, וועלכער האט זיך ארייגעווארפן אין דער הייליגער ארבעט מיט א מוראדיג'ער געטריישאפט, צו אונטערוועגירן ביי די הויכע פענסטערס אז מען זאל ערלויבן די קיבוץ הק' אין אומאן, ווי ער האט אסאך כוחות ארייגעלייגט אויסנוצנדיג זיינע גוטע קשרים מיט הויכראנגיגע באאמטע אין וואשינגטאן וועלכע האבן פארבינדונגען מיט אוקריינא, צו פועל'ן אן ערלויבעניש.א ין ב"ה אז פעולתו עשתה רושם, אין מיר קענען שוין מעלדן די פאזטיווע נייעס, וכל העוסקים בצרכי ציבור באמונה, הקב"ה ישלם שכרם.

המשך פון זייט 1 <<<

וועמענס צייט עס איז נישט נאכנישט אנגעקומען...

און פארוואס דען נישט ? לויט דעם גוי'אישן בליק ליגן דארט בסך הכל אלטע ביינער! וואס איז דען א חילוק אויב דאס איז ביינער פון א קעצל צי פון א מענטש. אויב האט מען דארט געלאזט די קברים במנוחה אויף 05 יאר קומט זיך טאקע פאר די אייגנטומער באזונדערע קרעדיט... אבער אצינד, נאך 001 יאר אדער מער, און דער בית הקברות וואס איז אמאל געווען ביים עק פון דער שטאט איז אצינד אינמיטן, ווען יעדע אינטש דערפון איז ווערד גרויס געלט, איז דאך נישט פאראן קיין שום סיבה אז מען זאל נישט ארויסווארפן אלעס וואס איז פארבליבן אין דעם זאמד, און דארט אריינשטעלן צעמענטענע פונדאמענטן, צו ברענגען רווחים פאר די רייכע אינוועסטירער...

ווי אנדערש איז דער אידישער בליק, אויף די אור -אלטע מציבות און עצמות קדושות. יראת הכבוד! דרך ארץ! מיר ווייסן טאקע נישט ווער עס ליגט דא באהאלטן, אבער אזויפיל ווייסן מיר אז דא ליגן אידן וועלכע האבן געדינט השי"ת מיט הונדערטער יאר צוריק. צווישן זיי הייליגע און געהויבענע אידן וועלכע האבן פארשיינט די וועלט מיט זייער תורה און צדקות.

אויב אויב עס איז ליידער נישט פארבליבן קיין מציבות, אדאנק די דייטשע אדער קאמיוניסטישע רשעים וועלכע האבן אויסגעריסן אידישע בתי חיים, האט יעדער פשוט'ער איד די הרגשה, אז אויף אזא פלאץ וואו אונטער זיינע פיס ליגן אידישע נפטרים וועלכע וועלן אויפשטיין בתחית המתים - קען ער אודאי נישט זיצן מיט איין פיס אויף דער אנדערער אין א שטוב וואס איז געבויעט געווארן אויף דעם שטח.

אפילו דער איינפאכסטער איד קען נישט איינשלאפן ביינאכט אויף א בעט וואס געפינט זיך אין א האטעל וואס איז געבויעט געווארן אויף דעם מקום קדוש, און אודאי קען א איד נישט זיך באנוצן מיט דעם בית הכסא וואס געפינט זיך העכער די עצמות קדושות, און די פייפס דערפון גייען אראפ אונטער דער ערד, אויפ'ן חשבון פון די הייליגע נפטרים וועלכע זענען געווארן אויסגעריסן פון ארט רח"ל.

דאס איז אייגנטליך די פשוט'ע יסודות'דיגע אידישע געפיל וואס האט באגלייט אידן אין אלע דורות. ביז געציילטע יאר צוריק האט קיינעם אפילו עולה געווען על הדעת צו מזלזל זיין און פארשוועכן אזא פארכטיגע פלאץ. אויך אויב מען וואלט אים פארגעשלאגן מיליאנען דאללערן האט יעדער איד פשוט געציטערט אימת מות צו אנהייבן מיט די מתים...

און די ברענענדיגע ווייטאגליכע פראגע שטעלט זיך ווי פון זיך אליינס: טייערע אידן, וואס האט פאסירט מיט אונז אין די לעצטע תקופה ? וואו איז אונזער הייליגע אידישע געפיל ? איז דער פארכטיגער מושג פון "כבוד המת" און די אמונה אין "תחיית המתים" טאקע גענצליך אויסגעלאשן געווארן רח"ל ?

## אוקריינא דרוקט אויס גרייטקייט צו ערלויבן ראש השנה אין אומאן

די אמעריקאנער פאליטיקאנטן האבן זיך ווירקליך פארבינדן מיט די אוקריינישע רעגירונג און ווי די עסקנים געבן איבער האט אוקריינא פאקטיש אויסגעדרוקט זייער גרייטקייט און אינטערעסע אז אויך דאס יאר זאל אלעס פארזעצן ווי געוועינליך, פארשטענדליך מיט די נויטיגע זיכערהייט מאסנאמען.

דאס זעלבע האט 'איחוד ברסלב' ערהאלטן עטליכע רופן אין דירעקטן שליחות פון דעם אפיס פון דעם פרעזידענט פון אוקריינא, מר. זאלינסקי, וועלכע האבן קלאר געשטעלט אז די אוקריינישע רעגירונג איז יא אינטערעסירט אז דער קיבוץ זאל אנהאלטן אויך דאס יאר, צוליב די פינאנציעלע פארדינסטן וואס דאס ברענגט זיי אריין, און זיי זענען וויליג צו ארבעטן אינאיינעם מיט די עסקנים דאס צו אדורכפירן אויפ'ן בעסטן און זיכערסטן וועג.

זינט דאן איז ב"ה אנטשטאנען אַן אָפענע קאמיוניקאציע ליניע מיט די הויכראנגיגע אפיסעס און באאמטע פון די אוקריינישע רעגירונג, וויאזוי צו אויסהאמערן א פאסיגן פלאן מיט אלע נויטיגע דעטאלן און מהלכים, אז דער ראש השנה אין אומאן זאל קענען צושטאנד קומען.

צווישן אנדערע האבן די עסקנים אויך ארויפגעברענגט די כסדר'דיגע העצע פון דעם מעיאר פון אומאן, וועלכער אגיטירט קעגן די חסידים און קעגן דעם ראש השנה, א זאך וואס די אוקריינישע באאמטע האבן גענומען זייער ערנסט און זיי האבן פארשפראכן אז זיי וועלן טון אלעס אין זייער מעגליכקייט צו פארזיכערן אז ער זאל נישט שטערן די פלענער, נאר אדרבה ער זאל זיין בייהילפיג און זיך צושטעלן צו די אפיציעלע שטעלונג פון די רעגירונג.

## די רעגולאציעס און איינריכטונגען צו אקאמאדירן די רבבות ישראל אויף ראש השנה

לויט די יעצטיגע פלענער וועט במשך די וואך פון ראש השנה זיין א ריזיגע פאליציי אנוועזנהייט, מער ווי אלע יארן, אויף דעם גאנצן שטח ארום דעם ציון, צו אינפארסירן אויף די רעגולאציעס פון דעם געזונט. די פאליציי וועלן אויפפאדערן צו גיין מיט מאסקעס און זיין אפגערוקט 6 פיס איינער פונעם אנדערן.

די הויפט גאסן ארום דעם ציון וועט ווערן פארשלאסן און פארמאכט אז מען זאל נישט קענען פון דארט זיך דרייען אין די אלגעמיינע שטאט אומאן. די ארטיגע שטאט - ראט און פאליציי ארבעט אצינד אויף די פלענער פון די גענויע גרעניצן וואס וועלן פארמאכט ווערן, כדי צו אנגעבליך באשיצן די איינוואוינער פון אומאן, אז זיי זאלן נישט קומען אין בארירונג מיט די טויזנטער געסט פון אנדערע לענדער. אזוי אויך וועט הײ יאר נישט זיין די געוועינליכע מארק געצעלטן אויף די גאסן פון פושקינא אין פארוסקה.

די באאמטע וועלן אויך אויסשטעלן א מהלך וויאזוי דער ציון און די בתי מדרשים זאלן קענען זיין אפן מיט א באגרעניצטע צאל מענטשן צו יעדער צייט. די עסקנים פון 'איחוד ברסלב' פארהאנדלען אצינד מיט די אינסטאנצן איבער די גענויע שריט וואס וועט אונטערגענומען ווערן, אויפ'ן בעסטן פארנעם וואס איז מעגליך פאר די באקוועמליכקייט פונעם ציבור.

אין אנדערע נייעס, ווערט געמאלדן מטעם די עסקנים פון 'איחוד ברסלב' אז אין די טעג ארום ראש השנה הבעל"ט, וועט אויפגעשטעלט ווערן אין אומאן, גרויסע שטחים מיט פולקאמע דעזיגנירטע אפטיילונגען פאר מעדיצינישע באהאנדלונגען על כל צרה שלא תבא.

דאס וועט אַנטהאַלטן א שטאב פון ערפארענע דאקטוירים און נורסעס, מיט אמבולאנסן און שפיטאל צימערן און אלע נויטיגע מאשינען ווי רעספערעטארס, ווענטעלעטארס א.א.וו. וואס וועט זיין איינגערישט אויף א העכסט - פראפעסיאנאלן פארנעם, פאר די זיכערהייט פונעם קיבוץ. דאס זעלבע האט מען אנגעקניפט גוטע באציאונגען מיט די שפיטעלער אין קיעוו, וועלכע זאלן זיין גרייט צו באהאנדלען מענטשן, אדער צוריק צו פירן פאציענטן קיין ארץ ישראל, עס זאל חלילה נישט אויספעלן.

באזונדער ווערן אין די יעצטיגע טעג אויסגעארבעט א רייע פון רעגולאציעס און מאסנאמען וועלכע וועלן אינפארסירט ווערן דורכאויס די טעג פון ראש השנה, אויפ'ן פארלאנג פון די ארטיגע רעגירונג, אזוי ארום אז אז יעדער איד וועלכער וויל זיך באטייליגן אויף ראש השנה זאל האבן די מעגליכקייט דערצו בעז"ה.

אלענפאלס, זענען אידן איבער דער וועלט, און ספעציפיש אזוי ברסלבער חסידים, ווייטער מתפלל צו השי"ת אז די ביטערע מגיפה זאל זיך שוין אפטון און מען זאל בעז"ה קענען אפהאלטן דעם קומענדיגן ראש השנה אין אומאן על מי מנוחות, אמן.



## די מסירת נפש'דיגע
## העראאישע געשיכטע פון די

# 30 טויזענט
# קדושי אומאן הי"ד



די צייט אויף וועלכע מיר דערציילן (נאך די ת"ק יארן) איז געווען א תקופה וואס די אוקריינער האבן מורד געווען אין די פוילישע הערשאפט וואס האט געהערשט אין דער געגנט, אין זייער פרואוו צו דערגרייכן זעלבסטשטענדיגקייט. די אידן זענען געווען, ווי אלעמאל, די ערשטע קרבנות אין יעדער מרידה.

אין יאר תק"ך (1760 למניינם), האבן די גרויזאמע פויער'ן, רוצחים, מורד געווען אין די פוילישע הערשאפט, און דורכשפרייזנדיג די שטאט אומאן, האבן די אויפשטענדלער אויסגע'שחט'ן טויזנטער פון אירע אידישע איינוואוינער און חרוב געמאכט מערסטנסטייל פון שטאט. א יאר דערויף, האט גראף פאטאצקי, דער הערשער פון געגנט, איבערגעבויעט די שטאט פונדאסניי און איר געעפנט. דאן האט מען אויך אנגעפאנגען צו בויען די בארימטע "סאפיא'ס גארטן".

ארום אכט יאר דערנאך, אין יאר תקכ"ח, האבן די הארצלאזע רוצחים נאכאמאל מורד געווען, און האבן ווידער אנגעפאנגען מיט זייערע וואנדאליזם און בלוטיגע פאגראמען זיך צו צעלאזן איבער'ן גאנצן פארנעם פון אוקריינע. די אידן וועלכע האבן געוואוינט ארום דער שטאט אומאן, זענען אנטלאפן אריין אין שטאט האפנדיג דארט צו טרעפן א שוץ-ארט.

פון פולין איז געשיקט געווארן דער שר הטבחים איוואן גאנטע ימ"ש - וואס איז געווען א געשוואוירענער שונא ישראל - כדי אונטערצודריקן דעם אויפשטאנד. אבער נישט לאנג דערנאך האט זיך גאנטע אויסגעדרייט דעם רוקן, אין האט מורד געווען אין פולין. אין דעם זעלבן זומער האט ער זיך צוגעשלאסן צו די אויפשטענדלער און איז געווארן זייער פירער.ביידע כוחות האבן זיך אינאיינעם פאראייניגט, ווען איינע פון זייערע הויפט פינסטערע צילן איז געווען אויסצו'הרג'ענען און פארלענדן אלע אידן פון איבעראל ה"י.

נישט אלע אידן פונעם געגנט ארום איז געלונגען אריינצוגיין אין דער באשיצטער שטאט אומאן. פאר א גרויסער חלק איז נישט געווען קיין פלאץ אין שטאט, און זיי זענען געבליבן אינדרויסן. ווען גאנטע איז אנגעקומען, האבן די אידן וועלכע זענען געווען אינדרויסן פון שטאט אנגעפאנגען צו קעמפן אויף זייער לעבן, אבער זייערע קרעפטן זענען געווען צו ארעם, ביז א קורצע צייט איז קיינער נישט געבליבן פון זיי הי"ד.

און דאן איז אנגעקומען די רייע פון דער שטאט.

די מאסן פון גאנטע האבן זיך איינגעבראכן אין אומאן און מיט א שרעקליכע גרויזאמקייט געפלינדעוועט און גע'הרג'עט יעדן איד וואס זיי האבן אנגעטראפן אין זייער וועג. די אומגליקליכע אידן פון שטאט זענען אנטלאפן צום גרויסן שול אין שטאט, וועלכע האט זיך אנגעפולט פון עק צו עק מיט טויזנטער אידן איינגעהילט אין טליתים, שרייענדיג צום בורא כל עולמים זאל זיי ראטעווען און גלייכצייטיג זיך גרייטן מוסר נפש צו זיין פאר קידוש שם שמים.

נעבן דער שול האבן זיך די אויפשטענדלער אפגעשטעלט, און לויט'ן אנווייזונג פון גאנטע, איז געבויעט געווארן עפעס א מין חופה (אויף יענער פלאץ פלעגן די שטאטישע אידן אויפשטעלן חופות פאר חתנים), וואס זייער הויך איז געווען נידריגער פון א מענטשליכע הויכקייט, און נעבן דעם האבן זיי אויפגעשטעלט א שתי וערב, אז ווער ס'וועט דורכגיין אונטער די חופה וועט זיך מוזן איינבייגן און אזוי וועט אויסקוקן כביכול ווי ער בוקט זיך צום צלם ח"ו. (לויט די ווערסיע פון הגה"ח רבי יחיאל מיכל דארפמאן זצ"ל, האבן די רשעים געפאדערט צו קושן דעם שתי וערב).

די דעקלעראציע איז אויסגערופן געווארן: יעדער איד וואס איז אינטערעסירט צו ראטעווען זיין לעבן, זאל ארויסגיין פון שול און דורכגיין די חופה, און דאן וועט אים געשאנקען ווערן זיין לעבן במתנה.

המשך אויפן קומענדיגע זייט

## דער באַלדיגער עונש אויף פוגע זיין אין קברי צדיקים

אט די פארכטיגע געשיכטע פלעגט דערציילן הרה"ח רבי מנחם בארבער ז"ל, וועלכער האט דאס זעלבסט מיטגעלעבט:

אין דער צייט ווען די ירדנ'ישע רעגירונג האט געהערשט אויפ'ן הר הזיתים האבן עטליכע גוי'אישע אינוועסטירטער באשלאסן צו פארוואנדלען דעם הייליגן בארג אויף א פּאַרקינג ארט פאר אויטאס ר"ל.

געזאגט און געטון. עס זענען אראפגעברענגט געווארן טראקטארן, וועלכע האבן אנגעהויבן די שוידערליכע ארבעט מיט אַן אימפעט און האבן ליידער אויסגעריסן מיט אן אכזריות פילע הייליגע קברים וואס ליגן שוין אויפ'ן הר הזיתים הונדערטער יארן במנוחה. אידן האבן זיך צוגעקוקט פון דער ווייטנס מיט טרערן און שוידער אבער ס'איז ליידער נישט געווען צופיל וואס צו טון.

אבער, נאך עטליכע טעג פון בייזוויליגע חפירות, ווען דער טראקטער איז אנגעקומען צום ציון הק' פון הייליגן אור החיים הק' האט דאס, פלוצים אָן קיין שום פארשטענדליכע סיבה, זיך איבערגעדרייט און דער דריווער איז אויפ'ן ארט אראפגעפאלן א טויטער!



די אינוועסטירער וועלכע האבן געקלערט אז דאס איז בלויז א צופאל האט צומארגנס געברענגט א פרישן טראקטאר צו פארזעצן די שעדליכע ארבעט, אבער די מינוט וואס דער טראקטאר איז אנגעקומען נאנט צום ציון הק' האט זיך דאס ווידערמאל איבערגעדררייט און דער דריווער איז דער'הרג'ט געווארן אויפ'ן פלאץ.

די גוי'אישער אנפירער האבן נאך אלץ נישט געוואלט אנערקענען אז דא שפילט זיך אָפּ עפעס העכערס, און האבן דעריבער מחליט געווען אז דאס איז פשוט א טעכנישע פראבלעם אז די טראקטארן קענען נישט שטיין גראד אויף דעם שטח... דעריבער האבן זיי אויף צומארגנס געברענגט אן ערפארענעם ארבעטער מיט א האק וואס זאל פלאך מאכן דאס ארט אָן קיין טראקטער.

אבער באלד אינדערפרי ווען דער ארבעטער האט אויפגעהויבן דעם שווערן האק איז דאס פלוצים אראפגעפאלן אויף זיין קאפ פון וואס ער איז אוועקגעפאלן נישט בין החיים ל"ע.

אצינד האבן שוין אפילו די גוי'אישע בויער פארשטאנען אז א העכערע האנט פון הימל היט אפ אויף דאס ארט, א סקרוך האט זיי אנגעכאפט אין די ביינער זעהענדיג אז דאס גראבן די הייליגע קברים איז נישט קיין קינדער שפיל. און ווער עס טשעפט מיט דעם הייליג מקום שניידט אפ ביטער. זיי האבן געכאפט הענט און פיס און אנטלאפן פון ארט, און ווירקליך, זינט דאן איז די ארבעט געקומען צו א פולקאמען אפשטעל און דער מקום מנוחת קדשו פונעם אור החיים הק' איז געראטעוועט געווארן!

המשך פונעם פאריגע עמד

אין יענע מינוטן איז נתקדש געווארן דערהייליגער באשעפער'ס נאמען אויף א מורא'דיגן פארנעם. פון אלע טויזנטער אידן וואס זענען געווען פארזאמלט אין שול, אנשים, נשים וטף, אלטע און יונגע, איז קיינער-קיינער! נישט איבערגערעדט געווארן. אלע אן אויסנאם האבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש ה', אויסוועלנדיג ענדערש צו פאלן צו די בלוט-דארשטיגע הענט פון די רוצחים, אבער נישט טוישן זייער גלויבן, אין בייגן זייערע קניען פאר'ן טמא'נעם צלם.

די אידישע עזות דקדושה, האט זיי ארויסגענומען פון די גלייזן. ווי פארצוקנדע חיות האבן זיי אריינגעשטורעמט אין שול, רצח'נענדיג און אויס'שחט'נדיג די אידן מיט שפיזן, מעסערס און נאך פארשידענע כלי משחית וואס זיי האבן פארמאגט אין די הענט, טייכן בלוט זענען פארגאסן געווארן רח"ל.

דריי טעג נאכאנאנד האבן די ווילדע רוצחים געשטורעמט: ה', ו' און ז' תמוז. זיי האבן נישט גערוט און זענען נישט איינגעשטילט געווארן, אדורכגייענדיג נאכאמאל און ווידעראמאל איבער די אנגעהויפנטע בערג פון קערפערס, נישט שוינענדיג קיין קינדער אדער בעיביס אלטע יונגע, דורכשטעכנדיג און צעשפליטערנדיג יעדן קערפער זיכער צו מאכן אז קיינער איז נישט געבליבן לעבעדיג.

ווי ס'איז אנגענומען געווארן צווישן די אוקריינער אידן, האט די צאל גע'הרג'עטע אין שטאט און אינדרויסן פון איר, דערגרייכט צו דרייסיג טויזנט הייליגע נפשות!

געציילטע אידן ממש, עטליכע פון די אומאנער איינוואוינער, וועלכע האבן זיך באהאלטן אין א הייל נעבן שטאט, זענען געראטעוועט געווארן. צווישן זיי רבי דוד חזן, א צדיק וקדוש, און מיט אים נאך געציילטע אידן. זיי זענען געווען די איינציגסטע געראטעוועטע פון די איינוואוינער אין אומאן און איר אומגעגנט.

נאך וואס ס'האט זיך געענדיגט די שוידערליכער רציחה, איז רבי דוד חזן און די איבריגע אנטלאפענע ארויסגעגאנגען פון זייער באהעלטעניש, און האבן אנגעפאנגען צוזאמצונעמען די קערפערס און ברענגען צו קבורה אינעם בית החיים. לויט ווי ס'איז אנגענומען, האבן די געראטעוועטע געגראבן צוויי טיפע ברייטע גריבער, איינס פאר די עלטערע און איינס פאר די קינדער, און דארט באגראבן אלע קדושים אין קברי אחים. טראץ די טיפקייט און די ריזיגע ברייטקייט פון די גריבער, זענען זיי נאך אלץ נישט געווען גענוג גרויס צו ענטהאלטן אלע קדושים, און עס זענען אנגעהויפנט געווארן איבער איר הויכע בערג וועלכע זענען באדעקט געווארן דורך די פאר אידן מיט זאמד, און זיי זענען באגראבן אין דער אור-אלטער בית החיים אין אומאן.

ארום פערציג יאר נאכדעם, איז באגראבן געווארן צווישן זיי, לויט זיין הייליגע בקשה, הרה"ק רבי נחמן מברסלב זיעועכי"א, וואס אין זיינע לעצטע טעג האט ער פארמערט אויסצולויבן די גרויסקייט פון די בית החיים זאגענדיג בלשו"ק "אין אתם יודעים גודל יקרת מעלת קדושת זה הבית החיים דפה, כי הוא יקר וקדוש מאד".

צום אנדענק פון די שוידערליכע רציחות, האט רבי דוד חזן געשריבן די "קינת אומאן", דארט שטעלט ער פאר די מעשה און וויינט אויף די טויזנטער הרוגים, צווישן אנדערע שרייבט ער: "אין יענעם טאג זענען אנגעקומען די צאל ההרוגים צו אן ערך פון דרייסיג טויזנט אידישע נפשות. יזכרם אלקינו לטובה עם שאר צדיקי עולם וינקום דמם השפוך בימינו לעינינו, ולרחם על פליטתנו, ימהר ויחיש לגאלנו, על ידי משיח צדקנו, ותבנה בית מקדשנו, במהרה בימנו, אמן ואמן."

**זכותם יגן עלינו**

**ווארט פון רעדאקציע:**

>>> המשך פון זייט 1

מברסלב זי"ע אויסגעקליבן דוקא אט דעם הייליגן ווינקל, אז דארט זאל זיין דער מקום מנוחתו, וואו ער זאל ווייטער משפיע זיין פאר אידישע קינדער עד ביאת הגואל. "כי שם המקום המוכן לו מששת ימי בראשית, לעסוק שם בתיקון העולם לדורות, לכל מי שיבוא אליו לשם ויאמר העשרה קפיטל תהילים הידועים אצלו, כאשר הבטיח בחיים חיותו. אשרי הזוכה לזה!" (ימי מוהרנ"ת, סו).

דוקא דארט, וואו אידיש בלוט האט זיך געגאסן ווי וואסער, האט דער צדיק אויסגעקליבן צו רוען דארט לדורות עולם, ווייל דאס איז א "מקום מסוגל", כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא, ערד וואס איז דורכגעווייקט מיט מסירת נפש, ערד וואס טוט באהאלטן 30 טויזנט הייליגע אידן וועלכע זענען אומגעקומען מיט אלע סארט מיתות משונות פאר'ן באשעפער'ס נאמען. און טאקע דערפאר האט דער מקום קדוש זוכה געווען צו נתקדש ווערן מיט אזא קדושה של מעלה "בעפר ציון הקדוש והנורא אשר חפר ומצא שורש קדושת ארץ ישראל" (מכתבי רנ"ט).

דער קשר פון אידן איבער דער וועלט מיט דער שטאט אומאן, איז נישט צו די טמא'נע גוי'אישע גאסן פון אומאן, וועלכע זענען גארנישט אנדערש ווי אלע גוי'אישע שטעט דורכאויס אוקריינא, אונזער קשר צו דעם שטעטל איז צו די "קדושים אשר בארץ המה", די דרייסיג טויזנט "קדושי אומאן" הי"ד, און די טויזנטער אנדערע אידן וועלכע זענען דארט באהאלטן. די טויזנטער עצמות קדושות וועלכע זענען אויסגעשפרייט ארום דעם ציון הק' פון הייליגע אידן וועלכע האבן געלעבט בקדושה און וועלכע זענען נפטר געווארן בקדושה.

אט דאס איז דער חידוש'דיגער מציאות פון אונזער - אייער גליון "בארצות החיים", וואס טוט ווירקליך אהערשטעלן א לעבעדיגן גרוס פון די הייליגע געסלעך און פון דעם הייליגן בית החיים אין דעם ווייטן אוקריינא. אידן אומעטום קוקן ארויס ווייטער צו געניסן פון די אינפארמאטיווע ידיעות און די תוכנ'פולע ארטיקלען מיט האפענונג און תפלה צו השי"ת אז מיר זאלן שוין בקרוב דערלעבן דעם "יקוצו וירננו שוכני עפר", בב"א.


זכות הדפסת 1,000 גליונות
נתנדב ע"י מוה"ר דוד שטיינער הי"ו
לרגל שהשמחה במעונו בהולדת בתו למז"ט
יזכה לרב טוב וכט"ס בזכות הקדושים אשר בארץ המה

זכות הדפסת 3,000 גליונות
נתנדב ע"י הרבני הרוצה בעולם שמו הי"ו
ישלם ה' פעלו בכט"ס בזכות הקדושים אשר בארץ המה

פארט קיין אומאן
אדער סיי ווי,
'באקוועם און
עפארדעבל'
רופט טרעוועל
אגענט אויף
1862-239-6857
נ.ב. דערמאנט דעם גליון
אין באקומט $25 הנחה


## מערכת בארצות החיים

**דער גליון וועט בעז"ה ערשיינען יעדע צוויטע וואך אין אלע חרד'ישע צענטערן ברחבי ניו יארק.**

פאר סיי וועלכע הערות אדער קאמענטארן אדער צו מנדב זיין לע"נ ולעת שמחה ביטע זיך פארשטעלנדיג אויף 862.231.4409 און לאזט איבער א מעסעדזש

**אין די קומענדיגע גליונות וועט בעז"ה ווערן געווידמעט א באזונדערע אפטיילונג צו ערקלערן אלע דעטאלן ארום דעם בית החיים אין אומאן און די שרעקליכע חפירות אויפ'ן שטח. מען קען איבערלאזן שאלות דערוועגן פאר די רעדאקציע, אויפ'ן נומער 862.231.4409 וואס וועלן אי"ה געענטפערט ווערן מיט א קלארקייט צווישן די שפאלטענעס פון דעם קאלום.**

גלייכצייטיג וועלן די קומענדיגע גליונות בארייכערט ווערן מיט נאך אינטערסאנטע און תוכנ'פולע אפטיילונגען, מיט א תפלה צו השי"ת אז מען זאל טאקע אויפטון דאס ריכטיגע, ויהי נועם ה' אלקינו עלינו.